בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ה

398

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG


## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי המכון, המאירים את בתיהם של אלפי יהודים


התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
917-589-3382

או שלחו מייל לכתובת
SHMIELMAEB@GMAIL.COM


ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
הוצאת
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיךְ וֶועלְן לָאזְן מַיין מַאן פָּארְן קַיין אוּמַאן?.................... א

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה?.................... ג

אִיךְ זָאל אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם וָואס הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?.................... ד

וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק אַ סְטַאנְדַארְט וָואס צוּ קוֹיפְן?.................... ז

וִוי אַזוֹי הֶערְט מֶען אוֹיף פְּלִיקְן אוּן שְׁטֶעכְן?.................... ט

פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?.................... יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

שִׁיק נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ שְׁטוּב מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער.................... א

פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם סֵפֶר פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן אִין חִינוּךְ.................... א

וַוייטֶער הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַ גַאנְצֶע לֶעבְּן.................... ב

וֶועסְט עֶסְן דִי פֵּירוֹת אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.................... ב

הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.................... ג

אוֹיבּ מַיין מַאן וָואלְט גֶעוֶוען אַזוֹי, וָואלְט מִיר גוּט גֶעוֶוען.................... ג

סֵפֶר הַמִידוֹת אִין אִידִישׁ.................... ד

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט.................... ד

רוּפְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.................... ה

קוֹיף זִיךְ אַ קַאר.................... ו

נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, זָאגְן, טְרַאכְטְן, לַאכְן, וֵויינֶען.................... ו

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת ..... ז

גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן לִיבְּשַׁאפְט בְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ ..... ח

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דַיין שׁוּתָּף וָואס גַנְבְ'עֶט ..... ח

אוֹיבּ אִיז דָא הֶפְקֵרוּת, זָאל מֶען פַארְמַאכְן דִי קְוַוארְטִיר ..... ט

גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ..... ט

פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה לִזְכוּת דִי נְשָׁמוֹת ..... ט

גֵיין שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, צוּ הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת ..... י'

פַארְלַאנְג פוּן דַיינֶע קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ ..... י"א

דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן מְסוּדָר ..... י"ב

קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת ..... י"ג

זִיכֶער שׁוֹין יֶעצְט בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ..... י"ד

אַ זְכִיָ' צוּ קֶענֶען גֶעבְּן, אוּן קֶענֶען בָּארְגְן, פַאר דִי מוֹסָד ..... טו

פִירְן דִי בֵּית פֵיגָא סְקוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג ..... טו

מְקַבֵּל גֶעוֶוען בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה ..... טז

קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן ..... י"ז

בְּלַייבּ מִיט דַיין וַוייבּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ..... יט

בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גַאס גַאנְצֶע נֶעכְט ..... יט

דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..... כ

דִי פְּרוֹיעֶן מוּזְן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְמִיטְן טָאג ..... כא

מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה ..... כא

דִי דְרֵיי וָואכְן ..... כג

טוּ עֶפֶּעס פַאר הֶפָּצָה ..... כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיךְ וֶועלְן לָאזְן מַיין מַאן פָּארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס. מַיין מַאן ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֵשֶׁק; פוּן אֵיין זַייט אִיז מַיין מַאן אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אוּן עֶס שְׁמֶעקְט מִיר נִישְׁט אַז עֶר זָאל פָּארְן, אָבֶּער אִיךְ זֶע ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל פָּארְן, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ זָאל אִים יָא לָאזְן פָּארְן?

אוֹיךְ דַארְף אִיךְ דִי גוּטֶע אוּן וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן חִיזוּק אַז עֶס לוֹינְט פַאר אַ ווַייבּ צוּ לָאזְן אִיר מַאן פָּארְן קַיין אוּמַאן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

עֶס אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט אַיינְגֶענֶעם וֶוען דֶער מַאן פָּארְט אַוֶועק, פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן אִיז נִישְׁט גְרִינְג דָאס זַיין אַלֵיין מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען דֶער מַאן פָּארְט אַוֶועק פַאר יוֹם טוֹב ראֹשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס שְׁוֶוער, פַאר אוּנְז מֶענֶער אִיז דִי נְסִיעָה נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אוֹיסְמַאטֶערְנְדֶע וֶועג בִּיז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דָאס דָארְט זַיין

אִיז שְׁוֶוער, און דָאס אַהֵיים קוּמֶען אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, און דָאךְ פָּארְן מִיר, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ און מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (פִּיּוּט וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן" רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְשְׁרַייבְּט מֶען וָואס וֶועט פַּאסִירְן דִי יָאר, "וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן" און יוֹם הַכִּפּוּרִים זִיגְלְט מֶען אָפּ וָואס מֶען פַארְשְׁרַייבְּט, "מִי יִחְיֶה" ווער וֶועט לֶעבְּן דִי יָאר, "וּמִי יָמוּת" און וֶוער וֶועט שְׁטַארְבְּן דִי יָאר, "מִי בָאֵשׁ" וֶוער וֶועט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דִי יָאר, "וּמִי בַמַּיִם" וֶוער וֶועט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן דִי יָאר, און אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער דָאס בְּלַייבְּן אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ אָבֶּער וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן אוֹיבּ עֶס וַוארְט אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, אִיר דַארְפְט זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִין) זָאל אַייךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, און אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַז אַייעֶר מַאן זָאל פָּארְן צוּם גְרוֹיסְן לוֹיעֶר אַייךְ פַּארְטֵיידִיגְן, אָבֶּער אִיר וֶועט דַארְפְן שְׁלָאפְן אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אוֹיף אַ קְלֵיינֶע בֶּעט בַּיי אַייעֶר מוּטֶער, וָואלְט אִיר מַסְכִּים גֶעוֶוען? און אוֹיבּ אַייעֶר מַאן קֶען פָּארְן צוּ אֵיינֶער וָואס זָאל אִים פַּארְטֵיידִיגְן מִיט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, און אוֹיךְ שְׁתַּדְלֶ׳ען פַאר פַּרְנָסָה פַאר אַייךְ, אָבֶּער אִיר וֶועט דַארְפְן פַאר אַ וָואךְ שְׁלָאפְן בַּיי אַייעֶר מַאמֶע, און אִיר וֶועט וֵויינֶען, און אַייעֶר מַאמֶע וֶועט אַייךְ זָאגְן אַהֶער מִיט אַהִין, וָואלְט אִיר גֶעזָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן עֶר זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ? אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר וָואלְט גֶעשְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג און גֵיין צוּם דָאקְטֶער, צוּם לוֹיעֶר, און אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט און מִיט אַ שֶׁפַע.

אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם מִשְׁפָּטְ׳ן, און דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי" דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא

הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן" אֲפִילוּ דִי וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, "אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן" אָבֶּער אוֹיבּ דִי וֶועלְן קוּמֶען צוּ מִיר קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אוֹיךְ זֵיי פַאררֶעכְטְן, "כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת" רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן תנג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְרוּי וָואס הַאלְט נִישְׁט אָפּ אִיר מַאן פוּן גֵיין קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַבְטָחוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר.

אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶּער אוֹיבּ שְׁטֵיי אִיךְ אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַארְן דַאוֶונֶען, גֵיי אִיךְ שׁוֹין גֶעווֶענְלִיךְ נִישְׁט נָאכְדֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען דוּרְכְגֵיין פִילֶע טֶעג אָן מִקְוֶה.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ טְבִילַת עֶזְרָא גֵייט אָן אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזּוּק צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה; גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, טוּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט - אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה אוּן דַאוֶוענֶען.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ עֶס אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן טְבִילַת עֶזְרָא וְכוּ'; דָאס אִיז נָאר אוֹיף דִי הֲלָכָה חֵלֶק, אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ אָן אַ מִקְוֶה זָאל מֶען נִישְׁט מְבַטֵל זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָה, אָבֶער אַז מֶען הָאט אַ מִקְוֶה אִיז זִיכֶער מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן אֵיידֶער מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה. בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע מִקְוָאוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער מֶען זָאל דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה אֵיידֶער מֶען מַאכְט בְּרָכוֹת, אֵיידֶער מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֶערְנְט. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (פַּרְשַׁת אֱמוֹר), אַז דִי כַּת שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע'טוֹבֵל'ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ זָאל אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם וָואס הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ גֶעהַאט אַפָּאר מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיךְ זֵייעֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, און אִיךְ הָאב זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה מִיט דִי לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט מִיךְ אוֹיס, וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן און אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף אִים און אִיךְ בִּין יֶעדְן מוֹחֵל.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט מִיר אוֹיךְ אוֹיס נָאכְמֶער, אַז אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן צִי אִיךְ דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם וָואס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט וֵויינֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי חִידּוּשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז אַז דֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, וָואס מִיר זֶענֶען וָואס מִיר זֶענֶען, און בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ מַדְרֵיגוֹת פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, און נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:): ״הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים״ דִי וָואס וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט און זֵיי טוּעֶן נִישְׁט צוּרִיק פַארְשֶׁעמֶען, ״שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים״ דִי וָואס הֶערְן וִוי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי און זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, ״עוֹשִׂים מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִים״ דִי וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער - אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים ה, לא): ״וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ״ זֵיי זֶענֶען בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין פְּרִימִישְׁלַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט גֶעוואוֹינְט אַ שְׁנֵיידֶער וָואס הָאט זִיךְ פַּארְלֵייגְט אוֹיף דֶעם צַדִּיק אִים צוּ רוֹדְפְ׳ן און פַארְשֶׁעמֶען, רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, דֶער שְׁנֵיידֶער הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט, נָאכְגֶעשְׁרִיגְן און וָואס נִישְׁט.

אַמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען צוּ אִים, בַּיי רֶבִּי מֶענְדְלֶע אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יוֹם טוֹב, דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין קְלֵיינִיקֵייט אַז דֶער צַדִּיק קוּמְט אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בַּיִת, סִימָן ג): "כְּשֶׁהַצַּדִּיק בָּא לַבַּיִת הַזֶּה גַּם הַבְּרָכָה בָּאָה", וֶוען דֶער צַדִּיק קוּמְט אִין שְׁטוּבּ קוּמְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ. מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, אוּן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז דֶער שְׁנַיידֶער וֶועט אִים קוּמֶען מַאכְן בִּזְיוֹנוֹת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "בִּיטֶע טוּ מִיר דִי טוֹבָה, הַיינְט וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען מִיךְ פַאְרשֶׁעמֶען".

דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט צַדִּיקִים, עֶר פְלֶעגְט אַלֶץ קוּמֶען בַּיים צַדִּיק'ס הוֹיז אוּן לַאכְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע; עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעהַאקְט אוֹיפְן טִיר, גֶעקְלַאפְּט אִין דִי פֶענְסְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם צַדִּיק, עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִּיק; דֶער צַדִּיק הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, פְרֶעגְט עֶר רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע: "וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס זֶענֶען דִי גֶעשְׁרֵייעֶן?" הָאט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ פַארְשֶׁעמֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ בִּין אִיךְ דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז דָא".

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא אֵיינֶעם וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג"; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיבּ מֶען אִיז

מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה – קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק אַ סְטַאנְדַארְט וָואס צוּ קוֹיפְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראָש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַמָאל פְלֶעג אִיךְ קוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת פְּרִישֶׁע טְשִׁיקֶן פְלֵייש פַאר טֵייעֶר, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קוֹיפְן פַארְפְרוֹירֶענֶע פְלִיגֶעלֶעךְ, עֶס אִיז בִּילִיג אוּן עֶס הָאט אַלֶע טַעֲמִים.

נָאךְ אַ דֻּגְמָא, אַמָאל פְלֶעג אִיךְ קוֹיפְן טְשָׁאקָאלַאד עֶס זָאל זַיין צוּ נַאשְׁן אַמָאל מִיט אַ קַאוֶוע, אוּן דָאס גְלַייכְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט, וְעוֹד כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן. אַז אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אוּן עֶס אִיז מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אִיךְ לֶעבּ אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'עֶ סְטַאנְדַארְט אוּן אִין שְׁטוּבּ אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט קַיין דַּחְקוּת אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פַּזְרָנוּת.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ יָא אַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַפָּאר שֶׁקֶל אִין טַאשׁ, עֶס אִיז דָא אַבִּיסְל רֶיוַח, אוּן מֶען קֶען זִיךְ יָא פַארְגִינֶען פְּרִישֶׁע פְלֵייש אוֹיף שַׁבָּת, אָדֶער טְשָׁאקָאלַאד וְכַדוֹמֶה, וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן? זָאל מֶען קוֹיפְן מֶער אוּן בֶּעסֶער פוּן יֶעדֶע וָואךְ, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז יָא כְּדַאי אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן אַ סְטַאנְדַארְט אִין שְׁטוּבּ וָואס אַזוֹי לֶעבְּט מֶען סַיי וֶוען עֶס אִיז דָא גֶעלְט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט.

אִיךְ הָאף מַיין שְׁאֵלָה אִיז גֶענוּג קְלָאר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ אַז דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן, דוּ לֶעבְּסְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין חוֹבוֹת.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע שֶׁקֶל אִיז רִיכְטִיג אַיינְצוּקוֹיפְן פֵיינֶע פְלֵיישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת, דָאס וֶועט דִיךְ רַייךְ מַאכְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת קיט.), אַמָּאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָא אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ'" אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם"; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וִוי קוּמְט אַזַא רַייכְקֵייט צוּ דֶעם אִיד? אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא רַייכְטוּם?" הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת", הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", ווארִיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכֵּךְ לְכָךְ", אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ גוּטֶע טְשָׁאקָאלַאד, פַאר דִיר זָאלְסְטוּ זַיין אוֹיסְגֶערֶעכְנְט נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן קַיין גֶעלְט אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין

אִין חוֹבוֹת, אָבֶּער פַאר דַיין ווייב זָאלְסְטוּ יָא אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין פד:): "מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים קיב, ה) 'טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט', לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בַּמֶּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמָּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פַאר זִיךְ צוּ עֶסְן, עֶר זָאל קוֹיפְן עֶסְן פַאר וֶוייניגֶער ווִיפִיל עֶר הָאט, אָבֶּער פַאר זַיין ווייב אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר גֶעבְּן עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער מֶער ווִיפִיל עֶר הָאט.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין שְׁפָּארֶעדִיגֶע וֶועג, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיס גֶעלְט, אָבֶּער פַאר דַיין ווייב זָאלְסְטוּ יָא גֶעבְּן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, אָבֶּער פַאר זַיין ווייב הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זִי זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי הֶערְט מֶען אוֹיף פְּלִיקְן אוּן שְׁטֶעכְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ פְּלִיק אוּן אִיךְ שְׁטֶעךְ מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ פִיל ווִי אִיךְ גֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי זַאךְ, ווִיפִיל מָאל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן מִיט אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת - גֵייט עֶס נִישְׁט, אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אוּן דִי לֶעצְטֶע רֶגַע מוּז אִיךְ גֶעבְּן אַ זָאג אַרַיין, אַ פְּלִיק, אוּן אַ שְׁטֶעךְ.

אִיךְ וֵוייס אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אָבֶּער אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוואקְסְן, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים רֶעדְן דִי שְׁוֶועסְטֶער אוּן בְּרִידֶער נָאר מִיט פְּלִיקֶעס אוּן שְׁטֶעכֶערֵייעֶן.

אִיךְ מוּז זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁנֶעלֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז מַייְנֶע קִינְדֶער אוּן דוֹרוֹת זָאלְן אוֹיךְ לַיידְן פוּן דֶעם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**גֵיי יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן רֶעד דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אִיךְ פְּלִיק מֶענְטְשְׁן, אִיךְ שְׁטֶעךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ מַאךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ אַז אִיךְ גֵיי קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן - פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ, אוּן אִיךְ שְׁטֶעךְ אַרַיין אוּן פְּלִיק אַרַיין. אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ רֶעד אַרוֹיס פוּן מוֹיל, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר הַיינְט וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן מַיינֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אַנְדֶערֶע, יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ' וְכוּ'".**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "*מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה*" וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "*וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ*" אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "*וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה*" אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער

וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה" אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, אוּן שְׁכֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן, מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיךְ טְרַאכְט טָאג אוּן נַאכְט, עֶס זֶעצְט אִין מַיין קָאפּ אוּן עֶס לָאזְט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, מַיין קָאפּ אִיז נִישְׁטָא.

דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען וִוי פָאלְגְּנְד: אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ הָאב זִיךְ פַּיינְט, אִיךְ ווִיל זִיךְ צֶעפְּלִיקְן אוּן צֶערַייסְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן; נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, נָאר פַאר וֶוער אִיךְ בִּין אוּן פַאר וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר, פַארְוָואס? וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, סְתַּם אַזוֹי, אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְהַאן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיךְ הוֹיב אָן וֵויינֶען אַז אִיךְ טְרַאכְט דִי זַאכְן, פִּיל אִיךְ וִוי אִיךְ ווִיל זִיךְ אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן, דִי עֶרְד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן מִיךְ בַּאגְרָאבְן, ווַייל אִיךְ בִּין אַזוֹי נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. וָואס גֶעשֶׁעט וֶוען אִיךְ דֶערְזֶע זִיךְ אִין אַזַא מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת? אִיךְ הוֹיב אָן טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד

מִיךְ צוּ חֲתוּנָה מַאכְן, וַוייל אַ פְּרוֹי וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ צֶעגְרַאדְזְשֶׁעט אִיר מַאן, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן פוּן זִיךְ, אִיז אַ שָׁאד צוּ אָנְמַאכְן אַזַא צָרָה, אוּן אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף שְׁטֵיין וַוייט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווי עֶס אִיז דָא פַאר מִיר אַ מֶעגְלִיכְקֵייט נָאךְ אַמָאל צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שׁוֹין דָאס אִיז עֶס, פְרֵיילִיךְ קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין.

אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט אַז דִי עֵצָה פַאר מִיר אִיז נָאר עֶס צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ קַשְׁיָא, פַארְוָואס וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי גֶעדְרוּקְט אִין הַארְץ רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מְחַיֶּ', אָבֶּער יֶעצְט וֶוען נָאר דָאס אִיז מִיר נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ טוּן, קֶען אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דֶעם נוֹשֵׂא? אַנְדֶערֶע זַאכְן יָא, אָבֶּער דָאס נִישְׁט.

אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ גֵיי אוּנְטֶער, אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן מֶער, אִיךְ דֶערְטְרֶענְק זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין דִי יָם פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, הַלְוַואי זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ פִּיל זִיךְ ווִי אוֹיף אַ תְּלִיָּ', אוּן ווִי מֶען גֵייט מִיךְ אָט אָט הֶענְגֶען.

וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט מִיר? פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ אַזוֹי? אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג, אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ וִויל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רַאטֶעוֶועט!!!" אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט.

אִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַארְן נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי בְּרִיוו, אָבֶּער אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט שְׁרַייבְּן, עֶס אִיז פּוּנְקְט גֶענוּג, אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ דַארְף מֶער נִישְׁט שְׁרַייבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיָּ'**

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אַזוֹי סַאךְ פוּן זִיךְ, אוֹיבּ מֶען אִיז יָא אָדֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעמֶען לֶעבְּן, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר'; ווִי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶער מֶען חַזֶרְ'ט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער פְרֵיילִיךְ וֶוערְט מֶען, אוּן דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת צִי מֶען אִיז יָאר וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט, צִי מֶען אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ

אָדֶער דִי בֶּעסְטֶע מֶענְטְשׁ, דִי אַלֶע זַאכְן וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל, וַוייל וִוי נָאר מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה - וֶוערְט לִיכְטִיג, דִי אוֹיגְן עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, מֶען קֶען זִיךְ מֶער אוּן מֶער לַיידְן, וַוייל אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, חַזֶר'ט זִיךְ אֱמוּנָה, חַזֶר'ט זִיךְ 'אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ', חַזֶר'ט זִיךְ 'מְמַלֵא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה, שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם'.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַלֶעס טוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶערְט לֶעבֶּעדִיגֶע נִגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוֹיךְ טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט, אוֹיךְ מַאכְט זַאכְן וָואס מַאכְן אַייךְ פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי עֵצָה פַאר דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת. הָעִקָר זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט אַ אִיד אוּן אִיר טוּט מִצְוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיב.

אוֹיךְ מַאכְט יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נֶעמְט אַפָּאר מִינוּט אוּן דַאנְקְט אִים, וֶועלְן דִי מַחֲשָׁבוֹת אַוֶועק פְלִיעֶן אוּן אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיב הָאבְּן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## שִׁיק נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ שְׁטוּב מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, שִׁיק זֵיי נִישְׁט צוּ שְׁטוּבֶער וָואס אִיז דָא דָארְט אַן אָפֶּענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, אָפֶּענֶע אִינְטֶערְנֶעט. אוֹיךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט גֵיין צוּ זֵייעֶר שְׁטוּב.

הִיט דַיינֶע קִינְדֶער מֶער וִוי דוּ הִיטְסְט דִי שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם סֵפֶר פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן אִין חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ...**

יֶעצְט הָאט מֶען מִיר בַּאוִויזְן דֶעם סֵפֶר "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים" מַהֲדוּרַת וֶועבֶּערְמַאן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, וִוי מוֹהֲרָא״ש הָאט עֶס אוּנְז אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן.

דִי סֵפֶר דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶע מְחַנְּכִים אוּן פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיט חִינוּךְ אוּן טוּעֶן אִין חִינוּךְ.

אִינֶעם זְכוּת פוּן נֶעמֶען דִי דִי מַהֲדוּרָה זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן גֶעזוּנְט אוּן הַצְלָחָה.

...

## וַוייטֶער הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אַ גַאנְצֶע לֶעבְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

...

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַּאר דִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן הִתְחַזְקוּת, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הַצְלָחָה אוּן בְּרָכָה, וּמִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה, דָאס זָאל דִיךְ מְזַכֶּה זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים דַיין גַאנְצֶע לֶעבְן.

...

## וֶועסְט עֶסְן דִי פֵּירוֹת אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר דִי צְדָקָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פַּאר דִי נַייעֶ הֶערְלִיכֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דִי נְדָבָה פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל צוּזָאגְן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ׳; וִוי קֶען אִיךְ צוּזָאגְן? וִוי קֶען אִיךְ טוּן דִי זַאכְן? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר צוּזָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי פֵּירוֹת אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ (וָואס זִי הָאט דִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען דָאס צוּ טוּן) - וֶועלְן אָנְקוּמֶען אוֹיבְן גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער בַּיים אַרִיבֶּער גֵיין וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת גֵייעֶן אַרִיבֶּער, עֶס וֶועט עֶנְק זֵייעֶר צוּנִיץ קוּמֶען.

אוֹיךְ וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

## הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. דֶערְמַאנְט אַייךְ דִי חֲסָדִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם ווינְטֶער, ווִי מֶען הָאט אַייךְ אָנְגֶעשְׁרָאקְן וְכוּ׳, אוּן אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּנָקֵל וּבְנַחַת, אַלֶעס אִיז אַזוֹי גוּט, זָאלְט אִיר זִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט שְׁרֶעקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גּוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", ווִי שְׁטַארְק דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין, קוּמְט דִי שְׁרֶעק אוּן צֶעבְּרֶעכְט אִים; פְּחָדִים אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט - קֶען חָרוּב מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דִי עֵצָה אִיז - טְרַאכְטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט אִים - וֶוערְט מֶען רוּאִיג אָן קַיין פַּחַד.

...

## אוֹיבּ מַיין מַאן וָואלְט גֶעוֶוען אַזוֹי, וָואלְט מִיר גוּט גֶעוֶוען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ פַארְלַייגְן, אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן אוֹיף קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן זַיין אַ מַאמֶע אוּן הָאבְן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז צוּפְרִידְן אוּן מֶען אִיז אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע.

עֶס אִיז אַ טָעוּת בַּיי וַוייבְּלֶעךְ וָואס מֵיינֶען 'אוֹיבּ מַיין מַאן וָואלְט גֶעוֶוען

אַזוֹי און אַזוֹי וָואלְט מִיר גוט גֶעוֶוען׳, און ׳אוֹיב מַיין מַאן וָואלְט גֶעטוּן אַזוֹי און אַזוֹי, גֶערֶעדְט אַזוֹי, און אַהֶער און אַהִין - וָואלְט מִיר זִיס גֶעוֶוען׳, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיטְן מַאן, עֶס אִיז דִי מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

אוֹיב מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ - אִיז דִי לֶעבְּן גוט און זִיס, און אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר מִיר - דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט, און אַלֶעס וֶוערְט גוט, מֶען אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע און אַ גוּטֶע וַוייבּ.

...

## סֵפֶר הַמִידוֹת אִין אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר בְּלֶעטֶער פוּן דִי שֵׁיינֶע סֵפֶר וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס, ״סֵפֶר הַמִידוֹת אִין אִידִישׁ״, אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּן שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר תַּלְמִידִים, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, און עֶס אִיז אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל, עֵצוֹת, חִיזוּק וְהַדְרָכָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת וָואס מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן און קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָמֵן.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גְרוֹיסֶע צְדָקוֹת, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ בַּאצָאלְן

פַאר דַיין מָארְטְגִידְזְשׁ אַז מֶען זָאל דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין הוֹיז, טוּ אַלֶעס צוּ בַּאצָאלְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דַיין מָארְטְגִידְזְשׁ אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ דִירָה.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי אַלְטֶע סְגוּלָה, דִי סְגוּלָה וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעטוּן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט, מַאךְ מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן צוּ צָאלְן דִי מָארְטְגִידְזְשׁ אוּן פַאר עֶסְן אוּן שְׂכַר לִימוּד", וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

...

**רוּפְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

דָאס אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אָן שְׁוֶוער צוּ רוּפְן אַייעֶר מַאמֶע וְכוּ׳; וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", אוּן אִיר וֶועט זִיךְ מִיט דֶעם מֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט צוּ שֶׁעצְן עֶלְטֶערְן בִּיז מֶען וֶוערְט אַלֵיין פַארְעֶלְטֶערְט, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט. אִינְגֶעלַייט אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ לֵייגְן נִישְׁט צוּ קָאפּ צוּ רוּפְן עֶלְטֶערְן, בַּאזוּכְן עֶלְטֶערְן, מְחַיֶ׳ זַיין עֶלְטֶערְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער רַייסְט עֶס אִין הַארְץ, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט.

רוּפְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳, אוּן וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אַז זִי זָאגְט אַייךְ וָואס צוּ טוּן, וַוייל מוּסָר פוּן אַ מַאמֶע אִיז אַזוֹי גוּט, וּבִזְכוּת וָואס אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר מַאמֶע וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט יְשׁוּעוֹת.

...

## קוֹיף זִיךְ אַ קַאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹיף זִיךְ אַ קַאר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ קַאר (דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוֶועןאַ פֶּערְד אוּן וָואגְן), אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְפָארְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְוִוישְׁן דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רל), אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ קַאר וָואס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ פָארֶענֶען וִוי אַ פֶּערְד אוּן וָואגְן אִיז ווִיכְטִיג.

אוֹיךְ קֶען מֶען מַאכְן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט אַ קַאר, מֶען קֶען מְחַיֶה זַיין אַ אִידְן מִיטְן גֶעבְּן אַ הִיטְשׁ, אוֹיךְ קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ חֶסֶד, הֶעלְפְן, טְרָאגְן וְכַדוֹמֶה.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אִינְדֶערְפְרִי, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

...

## נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, זָאגְן, טְרַאכְטְן, לַאכְן, וֵויינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

וָואס נֶעמְט אִיר זִיךְ צוּם הַארְצְן וָואס דֶער זָאגְט אוֹיף אַייךְ אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף אַייךְ, וָואס גֵייט אַייךְ אָן? וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ דֶער אוּן יֶענֶער? קוּקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי טַייעֶר זֵיי זֶענֶען אוּן אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן, מֶער פוּן דֶעם זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּ דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן מַיין נֶעפִיו עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אַ גַאנְצֶע טָאג הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מִיט זַיין אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, אוּן בַּיים הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט

׳עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזַא צַעַר, זֵיי דַארְפְן בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶר טֵייעֶר קִינְד עֶרֶב זַיין בַּר מִצְוָה, אַזַא צַעַר, אַזַא וֵוייטָאג, און אַז מֶען הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער מִיט אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ קְלָאגְן און וֵויינֶען...׳

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, זָאגְן, טְרַאכְטְן, לַאכְן, וֵויינֶען וְכוּ׳, עֶס זָאל אַייךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה.

...

## דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁט בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שְׁלַאק פַּאר סוּכּוֹת. אַ סוּכָּה מוּז מֶען הָאבְן, אָבֶער אַ שְׁלַאק פוּן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת - אִיז נִישְׁט כְּדַאי. עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, און שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען טְרַאכְטְן פוּן מַאכְן אַ שְׁלַאק.

בְּנוֹגֵעַ אַרְבֶּעטְן זוּנְטָאג וְכוּ׳; כָּל זְמַן דוּ הָאסְט חוֹבוֹת - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי זַייטִיגֶע טֶעג צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת, וַוייל חוֹבוֹת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אַז מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין בַּעַל חוֹב; נָאר נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זַיין אוֹיסְגֶעצָאלְט דַיינֶע חוֹבוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדֶע זוּנְטָאג מִיט אַ חַבְרוּתָא לֶערְנֶען הֲלָכָה, טוּר בֵּית יוֹסֵף בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

...

## גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן לִיבְּשַׁאפְט בְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ; אַזוֹי אֵיידְל, אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דִי צַדֵיקֶת פֵיגָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, אוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל דֶעם רֶבִּינְ׳ס בַּאבֶּע, אוֹיךְ דִי צַדֵיקֶת סָאשְׁיָא דֶעם רֶבִּינְ׳ס וַוייבּ, אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ טִיכְל, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים וָואס הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁטוּבּ אִיז הֵיילִיג אוּן רֵיין, אוּן גֶעבּ דַיין וַוייבּ אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, גֶעבּ אִיר לִיבְּשַׁאפְט; דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען מֶער אוּן מֶער דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.

...

## גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דַיין שׁוּתָּף וָואס גַנְבְ׳עט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דַיין שׁוּתָּף (גַנָב), עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס דִי בַּאנְק אַקַאוּנְט; דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן עֶר קוֹיפְט הַייזֶער אוּן עֶר זָאגְט דִיר לִיגְנְט וְכוּ׳, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ שׁוּתָּף צוּלִיבּ דֶעם.

נֶעם דִיר דִי שׁוּתָּף וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, "כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; דוּרְךְ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אוּן דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג - אִיז דִי בֶּעסְטֶע שׁוּתָּפוּת.

...

## אוֹיב אִיז דָא הֶפְקֵרוּת, זָאל מֶען פַארְמַאכְן דִי קְוַוארְטִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

בְּנוֹגֵעַ דִי קְוַוארְטִיר, אַז דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן קוּמֶען שְׁפֶּעט, עֶס אִיז מִיט הֶפְקֵרוּת וְכוּ׳; אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה אוּן מִיר הָאבְּן פַארְמַאכְט דִי קְוַוארְטִיר, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפֶּעט שְׁלָאפְן אוּן נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

אוֹיב בַּיי עֶנְק אִיז אוֹיךְ מַעֲשֶׂה הֶפְקֵר זָאלְסְטוּ פַארְמַאכְן דִי קְוַוארְטִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הֶעלְפְן דִיר דְרוּקְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַז זֵיי וֶועלְן זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

## פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה לִזְכוּת דִי נְשָׁמוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַז אִיר ווִילְט עֶפֶּעס טוּן פַאר דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַייעֶרֶע בַּאבֶּעס אוּן זֵיידֶעס - זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן פְּרוּטוֹת אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, אוּן אֵיידֶער אִיר לֵייגְט אַרַיין דִי פְּרוּטוֹת זָאלְט אִיר זָאגְן: ״אִיךְ גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן...״ מַיין בַּאבֶּע אָדֶער זֵיידֶע, אוּן זָאגְט אַרוֹיס דִי נָאמֶען מִיט דִי טַאטֶע׳ס נָאמֶען; דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר זֵיי.

דִי נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט פַאר זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, צוּ הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חֲלוֹמוֹת וְכוּ׳; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), אַז אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אוּן נָאכְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט זָארְגְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֶערְן פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן, לֶערְן לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דִי מַחֲשָׁבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. לֶערְנֶען לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר רֵיינֶע חֲלוֹמוֹת, פַאר אַ רֵיינֶע בֶּעט.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בַּעֲווֹן קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד

זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה, הָאט אִים דֶער מַגִּיד גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר זֶעט יֶעדֶע נַאכְט קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַּאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְלַאנְג פוּן דַיינֶע קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלַאנְג פוּן דַיינֶע קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, פַארְלַאנְג פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערֶע; נִישְׁט נָאר אַלְטֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עֶלְטֶער פוּן זֵיי. אוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, פוּן סְקוּל - פְרֶעג זֵיי: "וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶנְקֶער טָאג? וֶוער זֶענֶען דַיינֶע חֲבֵרִים?" פְּרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען וואוֹיל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ - שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע נַחַת.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע מְנִיעוֹת וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וִוי מֶער מְנִיעוֹת מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בַּיים קוּמֶען צוּם צַדִּיק - אַלְץ מֶער קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפה): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ" דֶער וָואס הָאט מֶער שְׁוֶועריקֵייטְן וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, "כְּגוֹן מֵאָבִיו" זַיין טַאטֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים, "וְאִשְׁתּוֹ" אָדֶער זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ שְׁפֶּעט פוּן אִים,

"וְחוֹתְנוֹ" דִי שְׁוֶוער שְׁטֶערְט אִים, "אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד" אָדֶער שְׁוֶועריִקַייטְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן אִים אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן" אָדֶער דֶער וָואס הָאט שְׁוֶועריִקַייטְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, "וּשְׁאָרֵי מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים וּבִלְבּוּלִים שֶׁמִּשְׁתַּטְּחִים לְפָנָיו וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ מְאֹד" אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס קוּמְט אוּנְטֶער שְׁטֶענְדִיג, "וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם" עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין בַּיים צַדִּיק; עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער בִּיז עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, "כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְּרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם" דָאס אַלֶעס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר מֶענְטְשׁ, "כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה" וַוייל דוּרְךְ דִי שְׁוֶועריִקַייטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, "כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי" וַוייל פוּן דִי שְׁוֶועריִקַייטְן וֶוערְן כֵּלִים צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן צַדִּיק אַסַאךְ קְדוּשָּׁה אוּן אַסַאךְ טָהֳרָה, "וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ" ווִי מֶער מְנִיעוֹת, ווִי מֶער מַחֲלֹקֶת אוּן ווִי מֶער שְׁוֶועריִקַייטְן עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - הָאט מֶען גֶעמַאכְט גְרֶעסֶערֶע כֵּלִים צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין הֵיילִיגְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן מְסוּדָר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב דוּ הָאסְט נָאךְ עֶפֶּעס מִיט דִי מוֹסָד, וַוייל זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר. אִין אָנְהוֹיבּ הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ נֶעמְסְט דִי מוֹסָד אוֹיף דִיר, דוּ גֵייסְט זֶען אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן, לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי מוֹסָד זֵייעֶר צֶעפָּארְן;

אִיז אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ נֶעמֶען אַפָּאר פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן זַיין דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסָד, פִירְן דִי מוֹסָד אַז אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָּר.

אִיךְ וִויל זָאלְסְט מִיר וִוי שְׁנֶעלֶער עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער צוּ טוּן, ווייל אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג וִוי אַזוֹי זַאכְן פִירְן זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן עֶרְגֶער, דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן דִי יֵצֶר הָרָע, וִוי מֶער מֶען עֶנְטְפֶערְט אִים - וֶוערְט עֶר שְׁטֶערְקֶער, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען אוּן זֵיי זָאגְן אַייךְ אִיר גֵייט פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנּוֹם - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן, עֶנְטְפֶערְט זֵיי 'אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גֵיהִנּוֹם וֶועל אִיךְ אָבֶער נָאכְדֶעם זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע פְרוּיעֶן'.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (שְׁלַח, דַף קסז:), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעשִׁיקְט אַ נְשָׁמָה זָאל פְרֶעגְן אִין הִימְל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גַן עֵדֶן פַאר פְרוֹיעֶן, דִי נְשָׁמָה אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: "אִי רַבִּי" גֶעוואלד רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, "שִׁית הֵיכָלִין אַחְזִיוּ לִי" זֶעקְס פַּאלַאצְן פוּן גַן עֵדֶן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, "בְּכַמָּה עִנּוּגִין וְעִדּוּנִין" דָארְט אִיז דָא אַלֶע פַארְגֶענוּגְן, אִין אֵיין הֵיכַל זִיצְט בַּתְיָה דִי טָאכְטֶער פוּן פַּרְעֹה וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אוּן גֶערַאטֶעוֶועט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן, אוּן מִיט אִיר זִיצְן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, אוּן יֶעדְן טָאג קוּמְט דָארְט בַּאזוּכְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

אוֹיף הָאט דֶער שָׁלִיחַ דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וִוי אִין אֵיין הֵיכָל זִיצְט סֶרַח בַּת אָשֵׁר מִיט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק קוּמְט יֶעדְן טָאג צוּ זֵיי, דָארְט אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען זִיצְט דָארְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אֵיין הֵיכָל זִיצְט יוֹכֶבֶד דִי מַאמֶע פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיט טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן. זֵיי זִינְגֶען דָארְט יֶעדְן טָאג דִי שִׁירַת הַיָּם אוּן אַלֶע צוּגֵייעֶן פוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי שִׁירָה.

אִין דִי פֶערְטֶע הֵיכָל גַן עֵדֶן זִיצְט דְבוֹרָה הַנְּבִיאָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה קוּמֶען אָן אִין דִי הֵיכָלוֹת.

טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי עֶקְלְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קְלַאפְּן אַייךְ אַרָאפּ, זָאגְט זֵיי 'יָא יָא, טַאקֶע טַאקֶע, גֵיהִנוֹם, גַן עֵדֶן, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן דִי זַאכְן, אִיךְ ווִיל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ מִיט זֵיי קְרִיגְן וֶועלְן זֵיי וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, נָאר זָאגְט זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ זֶען וִוי אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיכֶער שׁוֹין יֶעצְט בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר וִוי דוּ לֶערְנְסְט אוּן דַאוֶונְסְט אוּן פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שׁוֹין יֶעצְט בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אָדֶער וַוארְטְן בִּיז דוּ וֶוערְסְט עֶלְטֶער; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, זִיכֶער שׁוֹין יֶעצְט בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ פָּארְפָאלְק וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן וָואס זֵיי קֶענֶען טוּן פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער: "עֶנְק וָואלְטְן גֶעדַארְפְט אַלֶע אַייעֶרֶע יָארְן, דוּ אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיר אַלְס מֵיידְל אִין שׁוּלֶע - בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶע יָארְן דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ זְכִיָ' צוּ קֶענֶען גֶעבְּן, אוּן קֶענֶען בָּארְגְן, פַאר דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין צְדָקָה פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אוֹיךְ דִי הַלְוָאָה פוּן נָאךְ הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער. בִּיטֶע מִיר זָאגְן אַ טָאג בִּיז וֶוען דוּ בָּארְגְסְט מִיר דִי גֶעלְט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַ שְׁטַר הַלְוָאָה.

אִיךְ קְלֶער, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָ' צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַ זְכִיָ' צוּ קֶענֶען בָּארְגְן פַאר דִי מוֹסָד.

דִי צְדָקָה וָואס דוּ גֶעבְּסְט אוּן אוֹיךְ דִי צְדָקָה פוּן בָּארְגְן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד - וֶועט דִיר גוּט צוּנִיץ קוּמֶען בָּזֶה וּבַבָּא.

...

### פִירְן דִי בֵּית פֵיגָא סְקוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אִיר זָאלְט אָנְהַאלְטְן מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פִירְן דִי בֵּית פֵיגָא סְקוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳, וֶועם צוּ נֶעמֶען פַּאר לֶערֶערִינְס, וַוייל אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַוֶועק שְׁטֶעלְן אוּנְזֶער בֵּית פֵּיגָא אִין שְׁטָאט, עֶס זָאל זַיין אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט שְׁטַארְק אוּן גוּט; מִיט לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַ גֶעפִּיל פַארְן רֶבִּי׳ן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרוֹיסְשִׁיקְן צֶעטְלֶעךְ אוּן רוּפְן אַלֶע עֶלְטֶערְן פְּרֶעגְן וֶוער עֶס קוּמְט צוּרִיק, אוּן אוֹיךְ דִי פְּרִישֶׁע תַּלְמִידוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין, אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן וֶוער וֶועט זַיין דִי טִיטְשֶׁערְס וְכַדוֹמֶה.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט פִירְן דִי בֵּית פֵּיגָא סְקוּל אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן אַלֶע אַייעֶרֶע סְפֵיקוֹת זָאלְט אִיר דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ...

...

## מְקַבֵּל גֶעוֶועְן בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רַבֵּינוּ חַיִּים [בֶּן רֶבִּי מֹשֶׁה] בֶּן עַטָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ. מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵייעֶר וֶועג וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועְן בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער צַדִּיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת צוּלִיב דֶעם וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועְן בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֶעקְרִיגְט; דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵיי מְקַבֵּל זַיין דִי בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ׳.

אוֹיךְ דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב פוּן דַיין וַוייבּ – זָאלְסְטוּ מְקַבֵּל זַיין מִיט לִיבְשַׁאפְט, זָאלְסְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט צוּרִיק טוּן, נָאר אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה. מִיר הָאבְּן דָאךְ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן אַ וֶועג צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים; נִישְׁט צוּ פַאסְטְן, נִישְׁט צוּ מַאכְן סִיגוּפִים, נָאר דוּרְךְ ׳יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק׳, דוּרְךְ שְׁוַוייגְן אוּן אָנֶעמֶען

אַלֶעס בְּאַהֲבָה, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב; נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן נִישְׁט וֵוייל צוּ טוּן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צְנִיעוּת בַּיי דַיינֶע טֶעכְטֶער, טוּ זֵיי אָן נאַכְט קְלֵיידֶער, טוּ זֵיי נִישְׁט אָן קַיין הוֹיזְן; הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל, פַאר אַ פְּרוֹי - אִיז פְּרִיצוּת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דַיינֶע טֶעכְטֶער שְׁווִימֶען, לֶערְן זֵיי אוֹיס שְׁווִימֶען הֵיילִיג, מִיט אַ שְׁוִוים קְלֵייד, לָאז נִישְׁט אִין דַיין שְׁטוּבּ קַיין בֶּעדִינְג סוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט גֶעזָאגְט דָאס אִיז אַ בֶּגֶד פְּרִיצוּת וָואס טָאר נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוייל טוּן אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי מַעֲשֶׂה פוּן חֲזַ״ל, (יְרוּשַׁלְמִי דְּמַאי א, ג; חוּלִּין ז.), וִוי רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר זָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז דִי וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי חֲבֵרִים - דִי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען, דִי קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער.

יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן דַארְף מֶען חַזֶר׳ן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוייל צוּ טוּן חֲבֵרִים.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מַאכְן אַ בִּילְד וִוי אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער אַ טַייךְ, וִוי דִי טַייךְ אִיז גֶעשְׁפָּאלְטְן, אוּן אִין דֶער זַייט שְׁטֵייעֶן נָאךְ אַפָּאר מֶענְטְשְׁן.

דִי מַעֲשֶׂה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְמִיטְן:

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; דִי תַּלְמִידִים פְּרֶעגְן דֶעם צַדִּיק: ״רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?״

טײַערע קינדער, דער הייליגער צַדִּיק רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר איז געגאַנגען אויסלייזן אַ איד פון די רוימער, ער האט אײַנגעשפּאַנט זײַן אייזל און געפאָרן אינאיינעם מיט זײַנע תַּלְמִידִים.

אויפן וועג שמועסט דער צַדִּיק מיט זײַנע תַּלְמִידִים, ער דערציילט זיי פון בַאשעפער׳ס וואונדער, מען זעט די שיינע בערג און די שיינע טאָלן, די שיינע זון מיט די וואָלקענעס.

זיי פאָרן ביז זיי קומען אָן צו אַ טײַך, נישטאָ קיין בריק, נישטאָ קיין שיפן, דער צַדִּיק פאַרלירט זיך נישט, דער צַדִּיק בעט דעם אייבערשטן: "הייליגער בַאשעפער העלף מיר, מאַך אַ נֵס אַז די טײַך זאָל זיך שפּאַלטן, איך זאָל קענען ראַטעווען דעם איד פון תְּפִיסָה".

דער צַדִּיק רופט זיך אָן צום טײַך: "טײַך, טײַך, איך בין גוזר אויף דיר דו זאָלסט זיך שפּאַלטן", די טײַך מאַכט זיך נישט וויסנדיג, זי גיסט אירע וואַסערן ווײַטער אַזוי ווי עס וואָלט גאַרנישט פּאַסירט, ביז דער צַדִּיק זאָגט: "אויב דו וועסט זיך נישט שפּאַלטן וועל איך בעטן דעם אייבערשטן דו זאָלסט זיך אינגאַנצן אויסטרוקענען, עס וועט ווערן אויס טײַך".

אַלע תַּלְמִידִים קוקן מיט וואונדער און זיי זעען ווי די טײַך שפּאַלט זיך, דער צַדִּיק גייט אַרײַן אינמיטן פון די וואַסער, אָבער די תַּלְמִידִים האָבן מוֹרָא, איינער רופט זיך אָן צום אַנדערן: "איך האָב מוֹרָא אַרײַנצוגיין אין די וואַסער", "אויך איך האָב מוֹרָא", "אֶפְשָׁר וועט די וואַסער אונז פאַרשווענקען, אֶפְשָׁר נאָר דער רַבִּי וואס איז אַזוי גרויס, ער דאַרף נישט מוֹרָא האָבן", די תַּלְמִידִים פרעגן דעם צַדִּיק: "רַבִּי מיר מעגן אויך אַריבער גיין אין וואַסער?"

דער צַדִּיק רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר דרייט זיך אויס צו זיי און זאָגט זיי די ווערטער: "די וואס האָבן נישט געטשעפּעט די חֲבֵרִים, די דאַרפן נישט מוֹרָא האָבן, די קענען מיט מיר אַרײַנקומען אין די וואַסער, אָבער די תַּלְמִידִים וואס טשעפּען אַנדערע - די זאָלן בעסער נישט אַרײַנגיין אין וואַסער, ווײַל די וואַסער וועט זיי פאַרשווענקען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוייטוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אֲפִילוּ אוּמְווילְנְדִיג, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבּ מִיט דַיין וַוייבּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יָאר וֶוען דוּ וַוארְטְסְט אַ שִׂמְחָה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין וַוייבּ. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, דַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר בַּאזָארְגְט אוּן נִישְׁט רוּאִיג, זִי דַארְף דִיךְ הָאבְּן מִיט אִיר, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר. זָאלְסְט זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיטְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "גַּם בִּתְמִימוּת אָסוּר לִהְיוֹת שׁוֹטֶה", אַ נַאר טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אִיר צַייט.

זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן. קוּם אִין שׁוּל מִיט הוּט אוּן רֶעקְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיךְ מִיט שִׁיךְ, נִישְׁט מִיט סְלִיפֶּערְס, אוֹיךְ זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא.

...

## בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גַאס גַאנְצֶע נֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן נָאר אוֹיפְטוּן, נָאר מְחַזֵּק זַיין, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם דֶערְוַוייטֶערְן.

דַיין וַוייבּ וואַרְט אוֹיף דִיר נאַכְט נָאךְ נאַכְט, דַיין וַוייבּ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, זִי ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גאַס גאַנְצֶע נֶעכְט, לָאז אִיר נִישְׁט אוֹיסְגֵיין וְכוּ׳, הָאבּ שֵׂכֶל אוּן פַארְבְּרֶען נִישְׁט דַיינֶע נֶעכְט מִיט אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע חֲבֵרִים. גֵיי אַהֵיים צוּ אִיר, רֶעד מִיט אִיר, זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, זִי דַארְף דִיךְ, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר, זִי אִיז דָאךְ אַן אֵשֶׁת חַיִל, קוּמְט אִיר נִישְׁט צוּ זַיין אַלֵיין נאַכְט נָאךְ נאַכְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער גוּט, ווַייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט מְרַחֵק זַיין קֵיינֶעם, נָאר מְקָרֵב זַיין.

...

## דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר הַיינְט דֶערְצֵיילְט אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן וְכוּ׳ אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט אִיר פַארְלוֹירְן וְכוּ׳; עֶר בֶּעט מִיר אוֹיבּ אִיךְ קֶען אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז הֶעכֶער פוּן אוּנְזֶער פַארְשְׁטַאנְד, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט נְשָׁמוֹת אוּן גִּלְגּוּלִים, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאכְן; אִיז בֶּעסֶער מִיר זָאלְן בִּכְלַל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִי זַאכְן, ווַייל מִיר וֶועלְן דָאס סֵיי ווִי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מח ע״ב; מִדְרָשׁ אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא, אוֹת א) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה אוּן בַּיי תְּחִיַּית הַמֵּתִים וֶועלְן זֵיי זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, אַייעֶר יְשׁוּעָה אִיז נָאנְט, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי פְרוֹיעֶן מוּזְן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְמִיטְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ וִויל, אִיךְ הָאבּ עֶנְק שׁוֹין גֶעזָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וָואס אִיךְ וִויל, אִיךְ וִויל אַז דִי פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן נִישְׁט זַיין וִוי אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין דִי שָׁעוֹת וָואס דֶער מַאן אַרְבֶּעט; הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל צוּשְׁטֶעלְן אַ שָׁאטֶעל, אִיךְ הָאבּ דָאס עֶנְק גֶעזָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס נִישְׁטָא.

דוּ פְרֶעגְסְט הֶיוֹת עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶרְשְׁטְנְס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ דְרֵייוְוט דַיין וַוייבּ אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ פַּארְמָאגְן צְוֵויי קַארְס, קוּקְסְטוּ עֶס אָן וִוי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ. אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי שִׂיךְ פוּן רוֹב רֻבָּם שְׁטֶעטְל, וָואס דִי וַוייבֶּער דְרֵייוְון נִישְׁט, אוּן אַזוֹי דַן זַיין אוֹיבּ מֶען דַארְף אַ שָׁאטֶעל; דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אוֹיף דַיין טַעֲנָה אַז עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; אִיז אֶפְשָׁר קֶען מֶען פַארְמַאכְן דִי שְׁטֶעטְל אוּן אַלֶעמֶען צוּרִיק שִׁיקְן אִין שְׁטָאט, אַזוֹי וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט קָאסְטְן.

אָפְּגֶערֶעדְט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דִי יָאר מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן טָאג נָאךְ טָאג מִיט דִי וֶועג צוּ קוּמֶען צוּ סְקוּל, וָואס אוֹיף זֵיי אִיז אַרִיבֶּער; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בָּלָק, ט״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת אִין צַייט אוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

גֵיי גֶענוּג פְּרִי אִין מִקְוֶה, פְּרוּבִיר זִיךְ אַבִּיסֶל אַרָאפְּצוּלֵייגְן, (יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן אִיז דִי פְרַייטָאג אַזוֹי לַאנְג, עֶס אִיז דָא צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלֵייגְן מִיט דִי קִינְדֶער), אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. וַוייל אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְשַׁאפְט - וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה אוּן לִיבְשַׁאפְט, אוּן אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם - וֶועט מֶען אַזוֹי אוֹיסְזֶען אוֹיבְן אִין הִימְל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דַף כג): "מָאן דִמְקַבְּלִין אוּשְׁפִּיזִין" וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף דִי גֶעסְט, "דְאִינוּן נִשְׁמָתִין יְתֵרִין" דָאס מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, "דְאִינוּן מַרְכִּיבִין עֲלַיְיהוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת" וָואס קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת - "בְּאַנְפִּין צְהוּבִין" מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "בְּחֶדְוָה" מִיט פְרֵייד, "בְּעִנּוּגָא" מִיט אַ פַארְגֶענוּגְן - "בְּהַאי עָלְמָא" אוֹיף דִי וֶועלְט. "כַּד נִשְׁמָתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא נָפִיק מִן גוּפֵיהּ מֵהַאי עָלְמָא" וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט - "הָכִי מְקַבְּלִין לוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי" אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר מְקַבֵּל זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְאִתְמַר בְּהוֹן" אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פד, ד): "גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וְכוּ'".

אִיךְ זֶע אִינְגֶעלַייט בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען הֶפְקֵר, מֶען קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף זֵיי. אוֹיךְ דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען זַיין אַ סַכָּנָה וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן גַאס וואוּ דִי קַארְס פָּארְן, אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אָדֶער הַאלְסְטוּ דַיינֶע קִינְדֶער נֶעבְּן דִיר, אָדֶער זָאלְן זֵיי בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ; בְּרֶענְג נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל וֶוען זֵיי וַואלְגֶערְן זִיךְ הֶפְקֵר.

זוּנְטָאג פַאסְטְן מִיר אַלֶע, מֶען הוֹיבְּט אָן פַאסְטְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי, פוּן דִי עֲלוֹת הַשַּׁחַר. אַלֶע בָּחוּרִים - פוּן דִי בַּר מִצְוָה - דַארְפְן פַאסְטְן, פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאסְטְן נִישְׁט.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## דִי דְרֵיי וָואכְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט פַאסְטְן מִיר, הַיינְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי דְרֵיי וָואכְן אִין וָואס מִיר פִירְן זִיךְ מִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן הַבַּיִת, מִיר פַאסְטְן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז וַוייל דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן אִין דֶעם טָאג אוּן דָאס הָאט מִיט אוּנְז, וַוייל "כָּל דוֹר שֶׁלֹּא נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו כְּאִילוּ נֶחְרַב בְּיָמָיו", יֶעדֶע דוֹר וָואס דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶס אִיז הַיינְט חָרוּב גֶעוָוארְן (יְרוּשַׁלְמִי יוֹמָא א, א), אוּן פַארְוָואס זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת? צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִינָם, אוּמְזִיסְטֶע פַיינְטְשַׁאפְט, אוּן דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן צַדִיק. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן סז), דֶער עִיקָר חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם צַדִיק, דִי צַדִיקֵי אֱמֶת זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, וֶוער אִיז גְרוֹיס? וֶוער אִיז חָשׁוּב? טָאטֶערְן, זַאכְן וָואס זֶענֶען גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז שְׂרֵפַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אוֹיף דֶעם וֵויינֶען מִיר, אוֹיפְן צַדִיק וָואס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט, דֶער רֹאשׁ בַּיִת אִיז נִישְׁטָא, מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן יֶעדְן גָארְנִישְׁט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן דֶער צַדִיק וָואס אִיז מְגַלֶּה אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער - פוּן אִים לַאכְט מֶען.

מִיר דַארְפְן אִין דִי טֶעג זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, דָאס אִיז בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיפְגֶעבּוֹיט, עֶר שְׁפִּירְט יֶעצְט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע גִלּוּי אֱלֹקוּת, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען הָאט דֵּעָה, מֶען הָאט שֵׂכֶל, מֶען וֵוייסְט, מֶען גְלֵייבְּט אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם', מֶען גֶעדֶענְקְט אַז

אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס - אִיז מֶען נִישְׁט אִין גָלוּת, דֶער גוּף אִיז אִין גָלוּת, אָבֶּער דֶער קָאפּ, דֶער מֹחַ - אִיז נִישְׁט אִין גָלוּת, דִי נְשָׁמָה אִיז נִישְׁט אִין גָלוּת. וֶוען מֶען פַאלְט אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה און מַזָל - דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִין גָלוּת בְּגוּף וְנֶפֶשׁ; אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, אַרַייְנְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶעמֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טוּ עֶפֶּעס פַאר הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי דְרַיי וָואכְן וָואס מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן הַבַּיִת, מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס בּוֹיט אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר דַארְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם צַדִיק פַאר דִי וֶועלְט, עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם טַאטְן אִין הִימְל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הַפָּצָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:), "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִישָׁא", קוּם און זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵייִן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי

בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

טוּ עֶפֶּעס פַאר הֲפָצָה; אָדֶער גֵיי הֲפָצָה אָדֶער נֶעם בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַאר, אוּן טְרָאג זֵיי צוּ פְּלֶעצֶער וואוּ זֵיי דַארְפְן אָנְקוּמֶען, אוּן פְרֶעג בַּיי דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן עֶפֶּעס אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, וַוייל אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן מוּז מֶען טוּן אִין הֲפָצָה. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ מָאל אָנְשְׁרַייעֶן, פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוּנְז אָנְרוּפְן: "אִיר זֶענְט טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט מְקָרֵב נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; הַאלְט אִין דַיין קַאר סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ' וְכוּ', כְּדֵי דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן מִיט דִיר סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן צוּ קֶענֶען מְחַיֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...